דאָס פערד און די בײַטש

— אוי, סע זאָל שוין קומען אַ מפּלה
אויף רב פײַטל בעל־עגלה,
דײַן באַלבאָס דעם שיינעם,
און אויף דיר מיט אים אינײנעם!
(צו דער בײַטש
זאָגט דאָס פערד)
סטײַטש?
זיך אַזוינס געהערט?
זאָג, וואָס קומט דאָס מיך אומזיסט צו שלאָגן?
מיינסט, מיר גרינג צו שלעפּן אָט דעם וואָגן?
נו, און דאָס פאַרגעסן, אַז צום אַלעם ערשטן
מוז אין מויל איך נעמען כאָטש אַ גערשטן?
און פאַרוואָס ניט טאַקע האָבער?
אָבער —
גיי רעד צו אַ פּידזשעלע אַ גראָבער!
וואָלט דיך נאָר ווי מיך געשטאָכן,
וואָלסטו אויפגעהערט אַזוי צו פּאָכן,
קאַטעווען און שינדן פּאַסן!
ווידער?... איך געוואַלד וועל שרײַען איבער אַלע גאַסן!
— שווײַג! (אַ קנאַק די בײַטש מיט שמײַסנדיקער צונג)
אמת, זאָגט זי, שלעפּן אַזאַ וואָגן,
און דערצו נאָך אויף אַ הונגעריקן מאָגן,
הייסט, נו יאָ, אַרויספּאָכן פון זיך די לונג;
נאָר דיך שלאָג איך —
הער, בסוד דיר זאָג איך! —
ניט דערפאַר, וואָס ווילסט ניט שלעפּן,
נאָר דיך קומט דערפאַר צו קעפּן,
וואָס, בהמה, ניט פאַרשטאַנען
און געלאָזט זיך שפּאַנען!